דוד האַפּשטיין

# אין יידישן וואָרט

אין ייִדישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז טײַער,
איז פֿאַראַן אַזאַ רוף צו באַנײַונג, איז פֿאַראַן אַזאַ העלישער פֿײַער,
אַז ווינטן, וואָס ציִען אויף וועלטישע ברייטע באַראָטן,
ניט קענען פֿאַרבלאָזן זײַן גליִענדן אָטעם,
און אַשן פֿון תּקופֿות ניט קענען זײַן צונטער פֿאַרגרויען,
זײַן מונטערן צונטער, וואָס העלט זיך אויף שטילקייט פֿון בלויען.

אין ייִדישן וואָרט, וואָס איז אָקערשט אַרויס פֿון די צוואַנגען,
וואָס אומרויִק זוכט זיך נאָך פֿעלדער און סטעפּעס,
איז פֿאַראַן שוין די זיכערע רו און די ברייטקייט פֿון עפּאָס.
און ניט נאָר בײַ הייליקע שומרים — אין וואָרט בײַ די פּשוטע היטערס,
הערט זיך דער אָנהייב פֿון שטאָלצע געזאַנגען פֿון שניטערס,
הערט זיך דער אָנזאָג אויף מונטערע קלאַנגען פֿון שײַער —
אין ייִדישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז טײַער...

אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן

אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן אויף רוסישע פֿעלדער!
ווי קען מען זײַן עלנטער, ווי קען מען זײַן עלנטער...

אַ פֿערדל אַן אַלטינקס, אַ סקריפּנדער שליטן,
אַ שליאַך אַ פֿאַרשנייטער – און איך בין אין מיטן.

פֿון אונטן, אין אײַנציקן ווינקל אין בלאַסן,
נאָך לעשן זיך טרויעריק טליִענדע פּאַסן.

פֿון פֿאָרנט פֿאַרשפּרייט זיך אַ מדבר אַ ווײַסער,
און ווײַט דאָרט צעזייט אין אַ צענדליקל הײַזער –
דאָרט דרעמלט אַ כוטאָר, פֿאַרזונקען אין שנייען...

צום ייִדישן הײַזל פֿיל סטעזשקעלעך גייען,
אַ הײַזל, ווי אַלע, נאָר גרעסער די פֿענצטער,
און צווישן די קינדער דאָרט בין איך דער עלטסטער...

און ענג איז מײַן וועלטל, און קליין איז מײַן רעדל:
אין צוויי וואָכן איין מאָל פֿון כוטאָר אין שטעטל.

און בענקען אין שווײַגן פֿון פֿעלדער פֿון ברייטע,
פֿון וועגן און וועלדער פֿאַרשנייטע, פֿאַרווייטע...

און טראָגן אין האַרצן פֿאַרבאָרגענע ווייען
פֿון זוימען, וואָס וואַרטן און וואַרטן אויף זייען...

אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן אויף רוסישע פֿעלדער!
ווי קען מען זײַן עלנטער, ווי קען מען זײַן עלנטער?